NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02109

# TSUM VAYTN LAND...

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פאַט.

# צום ווייטן לאַנד...

קינדער-שפּיל אין 2 אַקטן.

ווילנע, 1921.

פאַרקויף — ביי דעם צענטראַלן ביכער-לאַגער פון דער
צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע, ווילנע.

דרוקעריי „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן-גאַס 23.

יעקב פּאַט.

# צום ווייטן לאַנד...

קינדערשפּיל אין 2 אַקטן.

## פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| לייבל | 12–13 יאָריקע קינדער |
| סראָליע | |
| צלאל | |
| גרשון | |
| מאיר | |
| שרהקע | |
| דינה | |
| סעקרעטאַר פון קלוב | |
| שמואל | |

וואָווקע — 10 יאָר
דער לערער ניאָמע
קינדער
שול-קינדער

# ערשטער אַקט.

דער אָרבעטס־צימער פון שילער־קלוב. איבערן וואנט, אין גרויסן זאל קומט פאָר א פארזאמלונג פון די קלוב־חברים. עס איז דאָרט טומלדיק. די פארזאמלונג האלט שוין ביים סוף. עס קומען פאָר וואלן פון א פאָרזיצער פון קלוב אנשטאָט ל י י ב ל  ו ו י י נ ע ר, וואָס האָט זיך אָפגעזאָגט. צוהערצו אין ארבעטס־צימער קומען אריין די קינדער, וועגן וועלכע עס פירט זיך די אָפּשטימונג. אין ארבעטס־צימער געפינט זיך ג ר ש ו ן, וואָס איז פארנומען מיט פארענדיקן צייכנען א קאָפּיע פון „מענדעלעס״ געזיכט און ער נעמט ניט דאריבער קיין אָנטייל אין דער פארזאמלונג. אויסער אים, איז אויך דאָ אין צימער מ א י ר  מ א ז ר, וועגן וועמען עס פירט זיך די אָפּשטימונג. ער איז אויפגערעגט און וויל זיך צוהערן צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין זאל.

ג ר ש ו ן. דו האָסט זיך אומזיסט מטריח געווען, פאַר קיין פאָר־זיצער וועט מען דיך ניט קלייבן.

מ א י ר. איך מיין גאָרניט צו ווערן אויסגעקליבן.

ג ר ש ו ן. טאָ, וואָס־זשע ביסטו אַריין אַהערצו? ווען דו וואָלסט ניט וועלן, אַז מען זאָל דיך קלייבן, וואָלסטו זיך אָפּגעזאָגט און ניט גע־קומען זיך שטעלן אונטערן וואַנט.

מ א י ר. אָבער איך ווייס, אַז מ׳וועט מיך סיי ווי סיי ניט אויסקלייבן.

ג ר ש ו ן. (אַרבעטנדיק) יאָ, דאָס ווייס איך אויך. עס איז ניט אַזוי לייכט צו זיין אַ פאָרזיצער פון אונזער קלוב. צו דעם דאַרף מען האָבן אַ חבר אַ פּייאיקן. אַ פאַסיקן — מ׳דאַרף זיין אַ מענטש!... אַ קליינֿיקייט!...

מ א י ר. טאָ, פאַראָס האָט זיך לייבל אָפּגעזאָגט?

גרשון. ער איז געווען אַ גוטער פּאַרזיצער... ער האָט גע־טויגט... שאַ, הער זיך איין, מען ציילט די שטימען, וואָס זיינען פאַר דיר...

(פון איבערן וואַנט הערט זיך: „דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט)...

מאיר. (איז נייגעריק און רוקט זיך צו נענטער צום טיר) איז ניט, אַז זיי ווילן ניט, איז ניט.

גרשון. (לאַכט) האָסט געפּאַקט גאַנצע אַכט שטימען, קענסט שוין גיין געזונטערהייד.

(פון זאַל הערט זיך אַ געלעכטער, אַ טומל, ס'קומט אַריין שרהקע).

שרהקע. קענסט שוין גיין, מאיר, איך וועל האָבן דיין מפּלה. (מאיר גייט אַרויס)

גרשון. (אַרבעטנדיק). איך פאַרשפּאָר מאַטערן מיינע פּיסאַ־לאַך, איך מאָל מיך „מענדעלין" ער איז שוין באַלד פאַרטיק.

שרהקע. לאָז אַ קוק טאָן.

גרשון. אַ, שרהקע, נאַ, קוק, ווי גייט דיר איין דאָס קוקן, אַז ס'קלאַפּט דיר, מסתמא, דאָס האַרץ... אומזיסט, שרהלע, מען וועט קיין מיידל פאַר קיין פּאַרזיצער פון אונזער קלוב ניט קלייבן...

שרהקע. פאַרוואָס עפּעס ניט קיין מיידל?...

גרשון. (אַרבעטנדיק) ווייל אַ פּאַרזיצער איז לשון זכר...

שרהקע. ממילא איז ניט... זעסט, דער שטערן איז דאָ ניט אויסגעקומען ריכטיק, די ברילן אויך ניט, מענדעלי קוקט גאָר אַנדערש, ביי דיר איז אַן אַלטער יידעלע...

גרשון. דו האָסט אַ טעות... הער זיך בעסער איין, וואו דו האַלסט אין דער וועלט.

(פון זאַל הערט זיך: אַכט, ניין, צען, עלף, צוועלף, פופצן, זעכצן...)

גרשון. אָ, אָ, זעכצן שטימען, אַביסל צופיל... שרהלע, צו זיין אַ פּאַרזיצער דאַרף מען אָבער האָבן כאָטש אַ פערציק שטימען, זעכצן איז אַביסל צו ווייניק...

שרהקע. אָבער זעסטו, זעכצן שטימען...

(ס'קומט אַריין לייבל. ער ווויל ניט גיין, מען שטויסט אים מיט גוואַלד אַריין. עס הערן זיך געשרייען: „ער מוז וועלן!... ער מוז..."

לייבל (שטייענדיק אין טיר און ריידנדיק אין זאַל) איך וויל ניט!... אומזיסט, וואָס איר קלייבט, איך קען ניט זיין, איך וועל בשום אופן ניט זיין!...

(פון זאַל הערן זיך געשרייען. שרהקע גייט אַריין אין זאַל. לייבל וויל ניט פאַרבלייבן אין צימער. מען לאָזט אים ניט אַרויס).

פון זאַל. ווער איז פאַר לייבלען?

געשרייען. אַלע!... אַלע!...

אַ קול: אַלע, אַלע, ניט אַלע, די שטימען מוז מען ציילן!

לייבל. (צו גרשונען) איך דערקל'ער זיי, אַז איך קען בשום־אופן ניט זיין.

גרשון. עס איז קיין טענה ניט, ביי אונז איז שטענדיק מיט די אָפּזאָגענישן.

לייבל. אָבער איך מוז זיך אָפּזאָגן.

פון זאַל. אויסגעקליבן איז לייבל. ער טאָר זיך ניט אָפּזאָגן. די זיצונג איז געשלאָסן. (אין זאַל ווערט אַ טומל. קינדער שטעקן אַריין די קעפּ און זאָגן „אַ גוטע נאַכט..." דער סעקרעטאַר פון דער פאַרזאַמלונג קומט אַריין מיט פּאַפּירן.)

סעקרעטאַר. פאַרט דיר, לייבל, אויסגעקליבן!

לייבל. עס איז אומזיסט.

סעקרעטאַר. נישקשה... נישקשה, וועסט זיין, עס איז שוין שפּעט, האָט מיר אַ גוטע נאַכט. (גייט אָפּ).

(פון זאַל הערט זיך אַ חברשער געזאַנג פון אַ שול־ליד.)

גרשון. נו, איך וועל שוין ענדיקן מאָרגן. איך וועל גיין צו־זאַמען מיט דודן. (שרייט אים נאָך) דוד, דוד, וואַרט אויף מיר!...

לייבל. (צו גרשונען) אַז דו וועסט זען צלאלן, שיק אים אַריין אַהער, זאָל ער ניט אַוועקגיין.

גרשון. גוט. וואָרום דו בלייבסט נאָך דאָ?

לייבל. באַלד וועל איך אויך גיין.

(ס'קומט אַן צלאל.)

גרשון. אַט זעסטו, ער איז דאָ, אַליין געקומען, אַבי לייבל האָט מיר געבעטן דיר אַריינצושיקן דאָ אין צימער. אַ גוטע נאַכט.

לייבל. (צו צלאַלן) אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט פאַרגעסן.

צלאל. מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט. באַלד וועט אַריינקומען סראָליע. די קינדער גייען נאָר אַוועק. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מען זאָל ניט מערקן. ער וועט אַרויסגיין אין גאַס און צוריק זיך אומקערן.

לייבל. גאַנץ גוט אַזוי... זיי האָבן ניט געוואָלט הערן און מיך אויסגעקליבן, האָבן זיי געהאַט אַן אומזיסטע אַרבעט. איצטער וועלן מיר אַלץ אָפּריידן, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

צלאל. קיינער זאָל זיך ניט איינהערן. (קוקט זיך צו צום טיר) עס איז שוין קיינער ניטאָ. אין זאַל איז שוין פינסטער.

לייבל. איך האָב זיך שוין אַלץ דערוואוסט, אַ בילעט ביז דאַנציק קאָסט הונדערט אַכציק מאַרק. מען זעצט זיך אויף דעם וואָקזאַל און מען קומט גלייך אין דאַנציק.

צלאל. און די בילעטן פאַרקויפט מען אַלעמען?

לייבל. אַלעמען פאַרקויפט מען. מיר קומען קיין דאַנציק, דאַרפן מיר זיך נאָר צוקלייבן צום פּאָרט.

צלאל. און ווי וועלן מיר טרעפן?

לייבל. דאָס איז אַ קלייניקייט. מיר וועלן זיך נאָכפרעגן, וועלן מיר טרעפן. דאָרטן זיינען דאָ יידן, פּאָליאַקן, דייטשן — מיט אַלע־מען קענען מיר ריידן, עס איז ניט קיין שווערע זאַך.

(ס'קומט אָן אין זאַל סראָליע.)

צלאל. ווער גייט דאָס?

לייבל. גיב אַ קוק.

צלאל. (קוקט אין טיר און רופט) ווער איז דאָס? סראָליע? — קום אַהער...

(סראָליע קומט אַריין. זיי פאַרמאַכן די טיר.)

לייבל. (צו סראָליען) מיר ריידן איצט אָפּ אַלץ, וואָס מיר דאַרפן מאָרגן טאָן. איך האָב זיך שוין אַלץ דערוואוסט. אַ בילעט קיין דאַנציק קאָסט הונדערט אַכציק מאַרק. דאָרט דאַרפן מיר נאָר קומען צום פּאָרט.

ס ר אָ ל י ע. און בילעטן אויפן שיף?

ל יי ב ל. אויף דעם האָבן מיר דאָך קיין געלט ניט. פון דאָרטן גייען אָפּ שיפן קיין ענגלאַנד, און פון ענגלאַנד גייען אָפּ יעדער וואָך שיפן קיין אַפריקע, צום פּאָרט קאָפּשקאַט. ביי דאַנציקער פּאָרט וועלן מיר זיך צעגויפריידן מיט די אַרבעטער. אָט דאָ אויפן קאַרטע קענען מיר זען די וועגן... (אַלע ביים קאַרטע) אָט דאָס איז די וועג קיין דאַנ=ציק, אַזוי גייט דער ים... אָט איז לאָנדאָן... דאָ גייען די וועגן קיין אַפריקע... אָט דאָס איז דאָס... (שפּאַרן זיך ביי דער קאַרטע, ווייזן מיט די פינגער) ביים דאַנציקער פּאָרט רעדן מיר זיך צעגויף מיט די אַרבע=טער ביי די שיפן...

צ ל א ל. מיט די פוילישע אַרבעטער? דאָרטן זיינען דאָך קיין יידן ניטאָ.

ל יי ב ל. יידן זיינען דאָ אַ סך, וואָס פאָרן, וואָס איז אַז פוילישע? עס זיינען דאָ ביי זיי גאַנץ גוטע אַרבעטער מיר וועלן זיך אָנדינגען אויף אַרבעט, אויף עפּיס טראָגן, דערלאַנגען, ביים קעסל, ביי וואָס עס איז...

ס ר אָ ל י ע. און אויב זיי וועלן ניט וועלן?...

ל יי ב ל. אַלעמאָל די זעלבע קשיות, ניט וועלן, ניט וועלן, ווילסט ניט פאָרן, פאָר ניט.

צ ל א ל. אַז זיי וועלן ניט וועלן, קענען מיר דאָך פאָרן צוריק.

ל יי ב ל. דאָס ניט. צוריק ניט. זיי וועלן וועלן. מיר וועלן זיך שוין אויפן שיף אַרויפכאַפּן, אַזוי, אַזוי, מיר וועלן זיין,' געוויס וועט זיין אַזוי. ביי אונז אין הויף וואוינט אַ שכנטע, וואָס אירע קינדער פאָרן שוין דורך דאַנציק צום צווייטן מאָל. קיין אַמעריקע פאָרן זיי. זיי פאָרן אויך אויף ענגלאַנד. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זיי דאַרפן ייִנגלאַך צום אַרבעטן אויף די שיפן, עפּיס טראָגן, צו דערלאַנגען.

סר אָ ל י ע. מיר פאָרן מיט זיי?

ל יי ב ל. צו וואָס מיט זיי? — מיר דאַרפן פאָרן אַליין. מיר וועלן זיך ביז אַפריקע דערשלאָגן. אין אַ פּאָר חדשים קומען מיר. מיר וועלן קומען צו די גאָלדגרובן. דאָרטן נעמט מען צו אַלעמען צו דער אַרבעט. מיר וועלן אָנקלייבן אַ ביסל געלט, לאָזן מיר זיך אַוועק איבערן לאַנד. צו די ווילדע מענטשן, צו די נעגערס, מיר דינגען זיך אָן צו

אַראַבישע סוחרים. מיר וועלן פאָרן איבער די אַפריקאַנישע וועלדער. דאָרטן זיינען דאָ העלפאַנדן, לייבן...

צלאל. איך געדיינק, ווי דו האָסט אַ מאָל דערציילט, ווי אַזוי אַראַבישע סוחרים האָבן זיך געשלאָגן מיט נעגרישע מלכים.

לייבל. די נעגרעס זיינען גאָרניט. מען דאַרף נאָר האָבן ביי זיך בלעך, מעש, מיט דעם קויפט מען זיי אָפּ.

סראָליע. געדיינקסט, מיר האָבן געליינט דאָס בוך די „שוואַרצע נעגרעס", ווי אַזוי זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף אַ רייזענדער און אים דערהרגט?

לייבל. איך האָב געליינט... דאָס איז דער רייזענדער, וואָס האָט געוואָלט פאָרן אויף דעם טייך נילוס... איך ווייס די מעשיות, איך ווייס... אויב דו האָסט מורא, קענסטו ניט פאָרן, מיר שלעפן דיר ניט.

סראָליע. וואָס עפּיס וויל איך ניט. איך וויל גאַנץ גוט. מיר זיינען דאָרט אָפּ אַ פּאָר יאָר, מיר ווערן מענטשן און ווערן רייך, מיר קומען אַראָפּ, קומען אַהיים...

לייבל. איך וועל נאָך פאָרן אויף דעם אייז-ים צו די עסקימאָסן...

סראָליע. און איך קום אַהיים.

צלאל. איך וועל פאָרן מיט דיר, לייבל...

לייבל. אַבי מיר פאַררעדן זיך... בלייבט ביי אונז. אַז מאָרגן פרי גייען מיר שוין ניט אין שול. זיבן אינדערפרי, האַלב אַכט, דאַרף מען שוין זיין ביי דער שטאָטישער סטאַציע, וואו מען פאַרקויפט בילעטן.

צלאל. אַזוי פרי?

סראָליע. געוויס, איך ווייס אויך. דאָרט איז אַ גרויסע רייע, מען קען זיך קוים דערשלאָגן צו אַ בילעט.

לייבל. געוויס, געוויס. מיר דאַרפן טאָן, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, יעדערער מוז ברענגען מיט זיך, וואָס מער געלט.

סראָליע. איך ברענג פינפהונדערט מאַרק, איך וועל ביי מיין פעטער קריגן, צו לייען, איך וועל זאָגן, אַז מען האָט מיר געשיקט צו אים.

צלאל. איך וועל אַזוי פיל ניט קענען. מער ווי דרייהונדערט מאַרק וועל איך ניט קענען. מיר האָבן דאָך אַזוי גערעדט. צווייהונדערט מאַרק האָב איך מיינע אָנגעקליבענע.

לייבל. אַז איך קען, קענסטו געוויס. ווייסט דאָך, אַז מיין מאַמע האַנדלט מיט דעם קאָשיק און וואו מיין טאַטע, ווייסטו דאָך...

ס ר אָ ל י ע. און וואָס וועט זיין, אז זיי וועלן דערזען, אַז מיר פעלן?

צ ל א ל. מים וועלן דאָך שוין ניט זיין...

ס ר אָ ל י ע. און טאַקע, וואָס וועלן זיי טאָן, אַז זיי וועלן זען, אַז מיר קומען ניט אין שטוב, ניטאָ?... אָי, ווי עס וועט זיך עס טאָן, עס וועט זיך קערן, זיי וועלן לויפן נאָך אונז.

ל יי ב ל. מיר וועלן שוין ניט זיין. מיר מעגן דאָס גאַנץ גוט טאָן. מיר וועלן אָנהויבן לעבן אַליין, צו קיינעם ניט אָנקומען. מיין מאַמען וועט זיין שווער זיך צו באַגיין, זי בלייבט נאָר מיט מיין עלטערער שוועסטער, אָבער אַז איך וועל זיך אומקערן, אַ גרויסער, וועל איך איר פאַר אַלץ באַצאָלן איך וועל איר שוין פאַרזאָרגן... איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן?... (ער מאַכט צו בעסער די טיר) און וועל אייך דאָ עפּיס ווייזן, וועט איר עפּעס זען, שאַ...

(עס הערן זיך טריט אין זאַל).

א ל ע. (צעשראָקענע) ווער קען דאָס גיין אַ הערצו?

ס ר אָ ל י ע: מען האָט אפשר געהערט?

(ס'קומט אַריין דער לערער ניאָמע).

נ י אָ מ ע. וואָס טוט איר נאָך אַזוי שפּעט דאָ? ס'איז דאָך שוין קיינער ניטאָ.

צ ל א ל. גאָרניט.

נ י אָ מ ע. איר האָט עפּעס געטאָן? וועגן וואָס האָט איר גע־שמועסט?

(די קינדער שווייגן).

נ י אָ מ ע. אויב איר ווילט מיר ניט אויסזאָגן, איז ניט. איך פאַרשטיי אַליין: לייבל האָט שוין מסתמא דערציילט אַ נייע געשיכטע וועגן אַ אַפריקאַנישן שבט. זאָג לייבל, אַ שבט? אַ מלך? אַ קאַראַוואַן? דאָס לאַנד אודזשידזשי?...

ל יי ב ל. טאַקע עפּעס וועגן אַפריקע.

נ י אָ מ ע. איך זע, אַז איך שטער אייך, נו, שמועסט ווייטער, ניט צו לאַנג. מ'דאַרף שוין גיין אַהיים. אַ גוטע נאַכט!

א ל ע. אַ גוטע נאַכט!

צ ל א ל. ווען דער לערער ניאָמע וואָלט מיט אונז געפאָרן!...

ס ר אָ ל י ע. (צו לייבלען) וואָס האָסטו געוואָלט פריער ווייזן?

ל י י ב ל. (מאַכט שטייפּער צו די טיר) איך וועל אײַך ווייזן, וואָס איך האָב שוין ביי מיר. (ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל געלט) אָט האָב איך, נאַ, ציילט איבער, מיינע אָנגעקליבענע. (אַלע דריי אַרומגעשטעלט אַרום דעם טיש און ציילן געהיים: „הונדערט, צווייהונדערט, פופציק, פופציק, דרייהונדערט, צען, צוואַנציק, פערציק"...)

ל י י ב ל. (באַהאַלט דאָס צוריק) איז אָפּגערעדט? זיינען מיר אַלע מאָרגן פרי ביי דער שטאָטישער סטאַציע? ווער עס וויל קאָן האָבן חרטה.

צ ל א ל. איך וועל זיין.

ס ר אָ ל י ע. איך אויך.

ל י י ב ל. איצטער וועלן מיר שוין גיין. מען דאַרף דאָ פאַרלעשן די ליכט. (פאַרלעשט, ס'ווערט טונקל. ווילן אַוועקגיין. לייבל דערמאָנט זיך אָן עפּעס און רופט זיי צוריק).

ל י י ב ל. (אין טונקל) געדיינקט, מאַכן מיר אָפּ! מירן זיך געבן די הענט. (גיבן זיך די הענט, זיינען אויפגערעגט).

ל י י ב ל. (מיט היץ) מיר שליסן אַ בונד אויף לעבן און טויט ביז אַפריקע!...

צ ל א ל. יאָ... יאָ... ביז אַפריקע!

פ אָ ר ה א נ ג.

# צווייטער אַקט.

דער זעלבער קלוב-צימער, וואָס אין ערשטן אַקט. אָנהויב אָוונט. ביי אַ קליין סטאָלערשן טישל שטייט שמואל און זעגט אַ ברעטל, ער וויל צענויפקלאַפּן אַ קעסטל. גרשון, ווי דער שטייגער, צייכנט עפּעס. שרהקע פלעכט אַ קאָשיק, דינה—נעבן שרהקען.

עטלאַכע קינדער. (אַרבעטן און זינגען).

פאָר מיין שיפל גיכער
אויפן וואַסער זיכער
צו דעם וויטן לאַנד
צו דעם וויטן לאַנד...
און פון אויבן גייען
וואָלקנס גאַנצע רייען,
שמייכלענדיק צו דיר...

גרשון. (אַרבעטנדיק). וואָס האָסטו געזאָגט, שרהקע?

שרהקע. זיי זינגען, קען מען ניט הערן. איך האָב געזאָגט, אַז עס איז שוין אַ וואָך צייט, ווי דער לערער ניאָמע איז אַוועקגעפאָרן. ווי לאַנג געדויערט די רייזע קיין דאַנציק?

שמואל. אין צוויי טעג איז מען דאָרטן.

גרשון. (רעדט לאַנגזאַם). ס'קען זיין, אַז דער לערער ניאָמע האָט זיך געזעצט מיט זיי צוזאַמען אויפן שיף און אַלע זיינען זיי אַוועק קיין אַפריקע...

שמואל. אַזאַ נסיעה וואָלט איך שוין אויך וועלן!... נאָר איך קען זיך וועטן, אַז ער וועט זיי ביידן ברענגען צוריק.

שרהקע. און אפשר איז שוין גאָר געווען די שיף אַוועקגעגאַנגען.

גרשון. די גאַנצע צייט האָט לייבל ביי אונז אין קלאַס גאַנ-

צענע טעג דערציילט מעשיות פון אַפריקע. איך געדיינק די מעשה מיט די קעמלען, מיט דעם ענגלענדער... דו געדיינקסט, שרהקע!

שרהקע. דאָס געדיינק איך ניט, איך ווייס נאָר אַ מעשה, וואָס לייבל האָט דערציילט, ווי אַזוי מען האָט געפונען די דריטע גאָלדגרוב אין אַפריקע. דאָס איז זייער אַ שיינע מעשה.

שמואל (קלאַפנדיק זיין קעסטל) מיר האָט נאָך לייבל געזאָגט מיט אַ יאָר צוריק, אַז ער וועט אַוועקפאָרן קיין אַפריקע. איך האָב דאַמאָלסט געלאַכט פון אים. איצט האָט ער נאָך מיטגענומען צלאלן.

גרשון. איך וואָלט אויך מיטגעפאָרן, אויף מיין וואָרט,

שמואל. עס וועט זיך דאָס טאָן, אַז מען וועט זיי אַראָפּברייגען צוריק !...

גרשון. מיינסט, אַז לייבל קען ניט אַוועקפאָרן נאָכאַמאָל?

(ס'קומט אַריין סראָליע).

שרהקע. אָט איז סראָלקע, ווען ניט ער, וואָלט מען ניט געוואוסט וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.

סראָליע. (צו שמואלן). וועסט מיר געבן, שמואל, דיין צירקל. איך האָב מיינעם פאַרגעסן אין שטוב.

שמואל. קענסט ביי מיר קריגן. זוך אים אויף דאָ אויפן טיש

גרשון. סראָליע, סראָליע, גרויסער גבור, שטרויענער קאָזאַק—פאַרוואָס ביסטו קיין אַפריקע ניט געפאָרן?

סראָליע. (צו גרשונען). ביסטו אַ גרעסערער בריה, נעם און פאָר

גרשון. וועל איך טאַקע פאָרן, נאָר דיר פאַר קיין שותף וועל איך ניט נעמען.

שרהקע. וואָס רייצטו זיך מיט אים?

שמואל. אָבער זעסט, ווי צוויי טעג האָט סראָליע אינגאַנצן געשוויגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט, כלא ידע, ער האָט דאָך געוואוסט פון דער גאַנצער מעשה.

סראָליע. איר רעדט, איר רעדט, איר ווייסט אַליין ניט, וואָס איר רעדט. איך וואָלט געוויס אויך מיט זיי געפאָרן, מיר האָבן אָפּגערעדט, נאָר באשר עס האָט זיך געמאַכט אַזוי...

גרשון. וואָס האָט זיך דאָס געמאַכט?

שרהקע. איך האָב שוין געהערט, ווי ער האָט דערציילט, אַ רעגן האָט זיך געמאַכט.

סראַליע. אַ רענן, אַ רעגן, דו ביסט אויך אַ בריה, שרהקע? מיר אַלע האָבן געדאַרפט ברענגען געלט, איך האָב ניט באַקומען דאָס געלט. איך האָב געמיינט, אַז מען וועט געוויס אָפּלייגן, איך בין געקו= מען אין שול, זיינען זיי ניט געווען, נאָכן לערנען האָב איך זיי אַרומ= געזוכט, נו, האָב איך זיי שוין ניט געטראָפן.

גרשון. אַמאָל געווען אַ מעשה, אַ ציגעלע אַ ווייסע, אַ שעפּסעלע אַ רויטע, סראַליע—איז אַ שוטה.

סראַליע. און דו ביסט אַ חכם...

גרשון. יאָ אַ חכם, ניט אַ חכם, אָבער דו ביסט אַ איינשטעלער, אַ גוואַלדיקער גבור, אַ עוג מלך הבשן!...

שרהקע. איר געדיינקט, ווי הייגט פרי איז געקומען לייבלס מאַמע אין קלאַס אַריין, האָט אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד איר קאָשיק מיט די עפּל, האָט פאַרבראָכן די הענט און געוויינט; (מאַכט איר נאָך). „קינדערלאַך, וואו איז מיין לייבעלע?", „וואו איז מיין לייבעלע?"...

שמואל. אָבער, אַז לייבל וועט אויכוואַקסן, וועט ער זיין אַ מענטש, זיין מאַמען וועט שוין ניט פאַרדריסן...

שרהלע. דאָס איז ריכטיק.

סראַליע. לייבל האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָכדעם פאָרן צו די עסקימאָסן, ער וועט נאָך אַמאָל האָבן אַן אייגענע שיף.

שמואל. ער איז דאָס אַ כלי!...

גרשון. (מאָלנדיק). ער וועט זיין אין די אַפריקאַנער וועלדער, ער וועט זיין ביי די נעגרישע שבטים, ער וועט אויך זיין אין אַביסיניען...

שרהלע. (שלאָגט איבער) און ער וועט זיין צוריק ביי אונז אין קלאַס. דער לערער ניאָמע וועט אים ברענגען.

סראַליע. (צו שמואלן) נו, וועסט מיר געבן דיין צירקל?—גיב שוין אַ קוק.

דינה. (זוכט) דאָ אויפן טיש דאַרף ער זיין. (זיי זוכןביידע).

(עס הערן זיך טריט. עס עפנט זיך די טיר. עס קומען אַריין דער לערער ניאָמע און צלאל פון וועג).

אלע. (מיט רעש) דער לערער ניאָמע!.. צלאל!.. פון וואַקזאַל גייט איר? (וואַרפן די אַרבעט).

צלאל. (דערשלאָגן, מיט אַ אויסדרוק פון עפּעס שטאַרק איבער= געלעבטעס, קוקט זיך ניט אַרום).

נ י אָ מ ע. מיר גייען גלייך פון וואָקזאַל, ביים וועג זיינען מיר אַריין אָנזאָגן די קינדער. איז מער קיינער ניטאָ אין קלוב?

ג ר ש ו ן. זיי דאַרפן נאָך קומען אין קלוב... לערער ניאָמע, וואו איז לייבל?..

נ י אָ מ ע. (דערזעט סראָליען) נו, סראָליע, האָט האָסטו דיין חבר, גיט זיך שלום עליכם!..

ס ר אָ ל י ע. (שטייט אַ פאַרלאָרענער, רירט זיך ניט פון אָרט).

ש ר ה ל ע וואו איז לייבל, ער איז אַוועק אַ היים?

ד י נ ה. ער איז אויך געקומען?

ג ר ש ו ן. וואו האָט איר זיי, לערער, געפונען?..

נ י אָ מ ע. אים, צלאלן, האָב איך געפונען אין הויז פון די עמי־גראַנטן, וואָס פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן געזען, אַז ער וואַלגערט זיך אום ביים פאָרט, האָבן זיי אים אין הויז אַריינגענומען און געשריבן בריוו אַהערצו מען זאָל אים אָפנעמען. דאָרטן האָב איך אים געפונען.

ג ר ש ו ן. מען ווערט ניט פאַרפאַלן, זעסטו.

(סראָליע און צלאל באַגעגענען זיך מיט די בליקן. סראָליע קומט צו צו צלאלן און האַלט זיך ניט איין:)

ס ר אָ ל י ע. (צו צלאלן) וואו איז ער?..

ג ר ש ו ן. לערער ניאָמע, און וואו איז לייבל?

נ י אָ מ ע. איך ווייס ניט...

ש ר ה ל ע. וואָס הייסט איר ווייסט ניט, איר האָט אים ניט געפונען?

נ י אָ מ ע. זאָל אייך צלאל דערציילן, איך קום באַלד אַריין, איך וועל נאָר שיקן רופן צלאל׳ס מאַמען, טאַטן. ער האָט מורא פאַר זיין טאַטן, ער זאָל אים ניט שטראָפן. (אָפּ).

(די קינדער דערשפּירן זיך אַ ביסל פרייער).

ג ר ש ו ן. דערצייל, צלאל, וואו איז לייבל? וואו האָסטו אים געלאָזן.

צ ל א ל. איך האָב אים אָנגעוואָרן אין דאַנציק.

ג ר ש ו ן. וואָס הייסט?

ד י נ ה. ווי אַזוי?..

צ ל א ל. דאָרטן ביים פּאָרט איז דאָ אַזאַ פאַרקאַנדל, וואו מען לאָזט ניט אַריין אָן בילעטן, דאָרט איז ער נעלם געוואָרן.

ג ר ש ו ן. ווי אַזוי?

צ ל א ל. מיר זיינען געגאַנגען צום פּאָרט. מיר האָבן גערעדט

מיט די פּאָרט=אַרבעטער, אַז מיר ווילן פאָרן קיין אַפריקע. לייבל האָט זיך באַקענט מיט אַ אַלטיטשקען, מיט אַזאַ אַרבעטער ביים פּאָרט.

שרהלע. האָט ער אים מיטגענומען?

צלאל. איך ווייס ניט... נאָר ער איז מיט אים דורכגעגאַנגען דורך דעם פּאַרקאַנדל. פון יענעם זייט שוין האָט ער מיך גערופן, גע=וואונקען מיטן פינגער, איך האָב ניט געקענט גיין. מיר האָט מען שוין ניט געלאָזן. איך האָב געזען, ווי ער גייט אַוועק ווייטער, ווייטער, ווערט פאַרפאַלן צווישן די מענטשן. איך האָב געוואַרט אַ שעה, צוויי שעה, טאָמער קומט ער צוריק. עס איז געוואָרן נאַכט, ער איז צוריק ניט געקומען. בין איך אַוועק אין שטאָט...

שרהלע. ביינאַכט? אַליין?

גרשון. קיין בער האָט אים ניט אויפגעגעסן...

צלאל. איך האָב געזען יידן גייען, בין איך מיט זיי געגאַנגען, זיי האָבן מיר מיטגענומען.

סראָליע. דו האָסט געוויינט?

שרהלע. ס׳קען זיין, אַז ער האָט טאַקע געוויינט, איינער אַליין אין דאַנציק.

צלאל. האָבן זיי מיר מיטגענומען. לייבלען האָב איך מער ניט געזען.

גרשון. און אַז דער לערער ניאָמע איז געקומען?

צלאל. האָט ער דאָך שוין לייבלען ניט געפונען, ער איז גע=גאַנגען מיט מיר צום פּאָרט, צו דער קרעמערקע, ביי וועמען מיר האָבן געקויפט ברויט. דער לערער ניאָמע איז אויך געווען אין קאַנטאָר פון די שיפן, מיר האָבן אָפּגעוואַרט, טאָמער וועל איך דערזען דעם אַל=טיטשקן פּאָרט=אַרבעטער. אים האָבן מיר אויך ניט געזען.

גרשון. עס איז גאַנץ איינפאַך.

שמואל. וואָס איז איינפאַך?

גרשון. דער אַלטיטשקער איז אויך אַוועקגעפאָרן אויף אַ שיף צוזאַמען מיט לייבלען. ער האָט אים מיטגענומען.

צלאל. דער לערער ניאָמע האָט אויך אַזוי געזאָגט.

(ס׳קומט אָן דער לערער ניאָמע).

ניאָמע. קום, צלאל, מיר וועלן זיך אויף דיין טאַטן ניט דער=וואַרטן. איך וועל גיין מיט דיר צו אייך אַהיים, קום. האָב ניט מורא.

גרשון. (שפּאָטענדיק) צלאל, דו ביסט אויך אַ קנאַפּער בריה...
(צלאל מיט ניאָמען אָפּ).
דינה. אָ, וואַ, איז דאָס אַ מעשה!. איז טאַקע לייבל ניטאָ?
שרהלע. עס איז אַזאַ רחמנות אויף זיין מאַמען.
דינה. אַז זי וועט זיך דערוויסן, אַז ער איז ניט געקומען, וועט זי גאָרניט אויסהאַלטן...
שרהלע. איך וואָלט זיך ניט געגומען דאָס איר אָנצוזאָגן. זי וועט געוויס מאָרגן זיין אין שול.
גרשון. און איך וואָלט מיט איר גערעדט, איך וואָלט איר געוויזן, אַז זי דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרצן...
דינה. ביסטו זיכער, אַז לייבל איז אַוועק מיטן שיף?
גרשון. איך וואָלט מיין קאָפּ געגעבן.
שרהלע. ביי צלאלן אין שטוב מוז זיך שוין טאָן, אַ שמחה — אַראָפּגעקומען.
גרשון. צלאלס טאַטע איז אַ בייזער. איך בין ביי אים אַמאָל געווען, צלאל קען נאָך באַקומען אַ חלק!
(ס׳קומט אָן דער שול-דינער).
שול-דינער. איז ניטאָ דער לערער?
די קינדער. ניטאָ...
שול-דינער. אַ בריוו געקומען, איצט געבראַכט.
גרשון. (גייט צו אים) ווייזט אַ קוק טאָן.
(אַלע קינדער קלייבן זיך אַרום בריוול).
שרהלע. אויף מיין וואָרט... לייבלס האַנטשריפט.
גרשון. טאַקע!
(ס׳קומען אָן עטלאַכע קינדער).
די קינדער. (פריילאַך) מיר האָבן באַגעגנט אין גאַס דעם לערער ניאָמען!.. מיט צלאלן!.. לייבל איז ניטאָ!..
שרהלע. מיר ווייסן!.. מיר ווייסן!.. לאָזט!..
איינער פון די קינדער. וואָס איז דאָס פאַר אַ בריוו?
גרשון. באַלד!.. באַלד... (קוקט דורך מיט די אויגן).
גרשון. פון לייבלען... לייבלען... לאָזט... הערט... (לייענט איבערהויך:) „מיינע חברים און דעם לערער ניאָמע און מיין מאַמע!.. איך פאָר באַלד אָפּ... דער אַלטער שיף-הייצער וועט מיין בריוו צו אייך

באַזאָרגן... איך בין געזונט... איך בין שוין אין ים!.. מיר פאָרן ווייט, וואו צלאל ווייס איך ניט. איך פאָר קיין אַפריקע. זאָל מיין מאַמע אויף מיר ניט זיין אין כּעס... צלאלן האָב איך געלאָזן אין דאַנציק... אַייער חבר לייבל..."

סראָליע. פאָרט ער טאַקע...

שרהלע. מ'דאַרף אַוועקטראָגן צו זיין מאַמען...

דער שול־דינער. טאַקע אַוועק!.. אַוועק דער קליינער באַנדיט!.. (שמייכלט און גייט אַפּ).

גרשון. ער איז אַ העלד!.. ער איז אַ מענטש!.. ער פאָרט שוין אויפן ים, קיין ענגלאַנד, און נאָך ווייטער—ביז אַפריקע!.. חברים! מען דאַרף מאַכן אַ פאַרזאַמלונג פון גאַנצן קלוב און אַלעמען איבערגעבן די גאַנצע געשיכטע!..

שרהלע. איך דערמאָן זיך גראַדע איצט, ווי לייבל האָט אונז אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי צוויי רייזנדער זיינען געגאַנגען דורך אַ געדיכטן אַפריקאַנישן וואַלד, אין וואַלד איז אָנגעקומען אַ הויכער גלאַנציקער העלפאַנט, איינער אַליין, דער מלך פון וואַלד, יאָ, אַ הויכער העלפאַנט, ווי די בוימער, איינער אַליין...

דינה. (די איבעריקע קינדער טוליען זיך צענויף) יע... יע, טאַקע... האָבן די רייזנדער גענומען דעם העלפאַנט צו זיך... ער האָט זיי גאָרנישט געטאָן, האָבן זיי ביידע זיך געזעצט אויף דעם העלפאַנט און געפאָרן ווייטער אין געדיכטעניש פון וואַלד, זיי האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן צו דעם גרויסן טייך נילוס, וואָס פליסט קיין מצרים, זיינען זיי געפאָרן, געפאָרן איבער אַפריקע...

גרשון (אַנטציקט) און לייבל וועט פאָרן אויף העלפאַנטן, אין וועלדער, איבער אַפריקע... (ס'קומען אָן נאָך עטלאַכע קינדער, גרשון, כאַפּט זיך אַרויף אויפן שטול) עס איז געקומען אַ בריוו פון לייבלען!. ער פאָרט שוין אויפן שיף!.. ער איז שוין אויפן ים!... ער וועט שוין באַלד זיין אין אַפריקע!..

וואָווקע. (אַ קליינער פריילאַכער יינגל). לעבן זאָל לייבל אַפריקאַנטשיק!..

(ביי די קינדער איז אַ פריילאַכער טומל. פון אַ ווינקל צימער זינגען־אונטער שטיל עטלאַכע קינדער: "פאַר מיין שיפל גיכער אויפן וואַסער זיכער צו דעם ווייטן לאַנד...")

פאָרהאַנג.

עס איז ערשינען

די צווייטע אויפלאַגע פון בוך

# א קראַנץ בלומעז

פון יעקב פאַט.

געשיכטען וועגן יידישע קינדער.

פאַרקויף: ביי דעם צענטראַלן ביכער־לאַגער פון
דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע.

---

עס ווערט איבערגעגעבן צום דרוק

דער צווייטער באַנד

# = געשיכטן =

וועגן יידישע קינדער

פון יעקב פאַט.